ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## אגרת התשובה

**(חלק יט שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע ראש השנה, כד אלול ה׳תשפ״ג — א תשרי, ה׳תשפ״ד (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2023
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# אגרת התשובה*

א. די קביעות פון עשרים באב* — יום ההילולא פון טאַטן[1] — איז (בכו״כ שנים) אין דער וואָך וואָס איר שבת[2] איז בו מברכים חודש אלול[3], דער חודש וואָס איז פאַרבונדן מיט תשובה[4].

וועט מען לערנען די ערשטע הערה פון דעם בעל ההילולא אין אגרת התשובה.

ב. אין אגרת התשובה[5] ברענגט דער אַלטער רבי די דיעה, אַז בשעת איינער איז באַגאַנגען דעם זעלבן חטא פיל מאָל, דאַרף ער פאַסטן דעם מספר הצומות וואָס איז באַשטימט פאַר דעם חטא אַזוי־פיל מאָל וויפל מאָל ער האָט געזינדיקט — „פעמים רבות כפי המספר אשר חטא״. און איז ממשיך

אַזוי ווי לדוגמא „המוציא זרע לבטלה״ וואָס דער מספר הצומות פאַר דעם חטא איז פ״ד תעניות[6], איז „אם חטא בזה עשר או עשרים פעמים עד״מ צריך להתענות עשר או עשרים פעמים פ״ד, וכן לעולם״.

איז מבאר דער טאַטע אין זיינע הערות אויף תניא[7], אַז דער אַלטער רבי זאָגט דעם משל „עשר או עשרים״ ווייל דער פגם דורך דעם חטא איז אין חכמה [ווי ער זאָגט ווייטער אין אגה״ת[8] אַז דער חטא איז „פוגם במוח״, וואָס מיטן וואָרט „במוח״ מיינט ער (בעיקר) אין מוח החכמה[9]. דעריבער ברענגט ער די דוגמא „עשר או עשרים״ ווייל חכמה איז דער אות יו״ד[10] (פון שם הוי׳[11]), און דער אות איז פאַרבונדן מיט די צוויי מספרים „עשר״ און „עשרים״: י׳ איז „עשר״, און יו״ד במילואו (י׳ ו׳ ד׳) באַטרעפט „עשרים״.

דאַרף מען פאַרשטיין: דער ענין וואָס דער אַלטער רבי רעדט דאָ — אַז מען

*) ביאורים בלקוטי לוי״צ על אגה״ת. תרגום ללשון קודש של ביאורים אלה וההמשך שלהם נדפסו בלקו״ש חל״ט ע׳ 51 ואילך. **המו״ל.**

*) נזכר בש״ס (תענית כו, א) כיום קרבן עצים דבני פחת מואב בן יהודה, (שם כח, א) בני דוד כו׳ בני יואב. וראה לקו״ש ח״ד ע׳ 1103 ואילך. ח״ט ע׳ 86 ואילך.

1) להעיר שביום ההילולא דשנה זו (תשל״ט) מתחילה שנת הל״ו להסתלקותו. וראה לקלוי״צ אגרות ע׳ תיד: שהמספר ל״ו יש לו מעלה גדולה כו׳.

2) שבו עולים כל ימי השבוע, ראה אוה״ת בראשית דרושים עה״פ ויכולו.

3) להעיר שבעשרים באב (מ׳ יום לפני ר״ה) הוא התחלת ההכנה לר״ה (ראה מנהגי הק״ק בית א־ל יכבץ (נדפסו בהקדמת ספר דברי שלום סימן סד. בס׳ יד אליהו (להרב סלאטקי, ירושלים תשכ״ג) מע׳ מנהגים): ביום ך׳ לחודש אב עושים התרת נדרים שהוא ארבעים יום קודם ר״ה),

ולהעיר אשר בר״ח אלול הוא התחלת מ׳ ימי תשובה המסתיימים ביוה״כ — שגם הוא (יוה״כ) נקרא ר״ה (יחזקאל מ, א. ראה לקו״ת דרושי ר״ה נח, א).

4) ראה לקוטי מהרי״ל במקומו, ל״ת להאריז״ל ר״פ תצא עה״פ (כא, יג) ובכתה גו׳ ירח ימים שהוא חודש אלול. טואו״ח ר״ס תקפ״א.

5) רפ״ג.

6) משנת חסידים מס׳ תשובה (הנזכר באגה״ת לקמן) פ״י מי״א.

7) ע׳ כט.

8) פ״ט (צט, א).

9) להעיר מהסיום באגה״ת שם: לכן תיקונו הוא דיתעסק באורייתא דמחכמה נפקא.

10) ולכן הפגם דהוצאת ז״ל הוא בחכמה, כי הוצאת ז״ל היא טיפה ואות י׳ (חכמה) הוא בדוגמת טיפה (לקוטי לוי יצחק שם).

11) אגה״ת פ״ד (צד, ב) ובכ״מ.

דאַרף (לפי דיעה זו) פאַסטן „פעמים רבות כפי המספר אשר חטא" — איז דאָך בשייכות צו אַלע חטאים, און „המוציא זרע לבטלה" ווערט דאָ געבראַכט בלויז אַלס ביישפּיל („כגון המוציא כו'"). טאָ וואָס איז נוגע דאָ צו מרמז זיין אין וועלכן אָרט עס איז פוגם דער דאָזיקער חטא (וואָס ווערט געבראַכט בלויז אַלס דוגמא)?

די שאלה איז נאָך שטאַרקער: דער דיוק אין דעם וואָס דער אַלטער רבי כאַפּט אָן די צאָל „עשר או עשרים" איז

(ניט פאַרוואָס ער זאָגט די צאָל און ניט קיין אַנדערע, וואָס דעמאָלט וואָלט געווען מקום לומר (בדוחק עכ"פ) אַז וויבאַלד ער דאַרף געבן אַ געוויסן מספר, קלייבט ער אויס אַזאַ מספר וואָס איז מרמז דעם פגם פון דעם חטא וואָס ער האָט געבראַכט לדוגמא,

נאָר די שאלה איז)

אַז אַ צאָל מסויים דאָ איז בכלל איבע־ריק: אויך ווען ער וואָלט געזאָגט „צריך להתענות פ"ד על כל פעם" (אָדער אַ לשון כיו"ב), ניט ברענגענדיק אַ באַ־שטימטן מספר — וואָלט אויך לכאורה גאָרניט געפעלט,

איז תמוה: ווי איז שייך צו זאָגן, אַז דער אַלטער רבי זאָל מוסיף זיין (אַ דוגמא וואָס מצד עצמה דאַרף מען זי ניט) בכדי צו מרמז זיין דעם פגם פון אַ חטא פרטי וואָס ברייגנגט זיך דאָ נאָר אַלס דוגמא?

ג. בדומה לדיוק הנ"ל, צוליב וואָס ברענגט דער אַלטער רבי אַ דוגמא פון אַ געוויסן מספר („עשר או עשרים"), איז דאָ פאַראַן נאָך אַ דיוק כללי יותר (אויף וואָס דער טאַטע שטעלט זיך ניט): צוליב וואָס דאַרף ער בכלל ברענגען אַ דוגמא פון אַ חטא מסויים.

ווען ער זאָגט בלויז „במי שחטא חטא אחד כו' מספר הצומות לאותו החטא כו'", ניט געבענדיק קיין ביישפּיל פון וועלכן עס איז חטא, וואָלט אויך אַלעס געווען פאַרשטאַנדיק. פאַרוואָס איז ער מוסיף „כגון המוציא זרע לבטלה כו'"[12]?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס לאחרי ווי ער זאָגט „ואם חטא בזה עשר או עשרים פעמים עד"מ צריך להתענות עשר או עשרים פעמים פ"ד", איז ער מוסיף „וכן לעולם" — אַז אויך ווען חטא בזה מער פון עשרים פעמים דאַרף ער פאַסטן פ"ד צומות פאַר יעדן מאָל.

ולכאורה: מאי קמ"ל? פאַרוואָס זאָל זיין אַ קס"ד צו זאָגן אַז „צריך להתענות כו' כפי המספר אשר חטא" איז נאָר ביז עשרים פעמים, און בכדי צו שולל זיין די סברא דאַרף מען מוסיף זיין „וכן לעולם"[13]?

ד. אין דער הערה האמורה פון טאַטן, איז ער מבאר (אין חצאי עיגול) נאָך אַ דיוק אין אגה"ת:

אין זעלבן פרק ווייטער[14], זאָגט דער אַלטער רבי: „כל בעל נפש כו' יחמיר

12) וגם: הענין ד„נחלקו במי שחטא חטא א' פעמים רבות" שברפ"ג, ה"ה בא בהמשך ל„מספר הצומות לכמה עונות וחטאים" שלפנ"ז (ספ"ב). וא"כ: אפילו (באם מצד איזה טעם) צריך לדוגמא — הו"ל למנקט דוגמא מהענינים שכתב כבר לפנ"ז (כעס, סתם יינם, ביטול תפלה), ולמה נקט הדוגמא דמוציא ז"ל?

ואף שלקמן בפרק זה (צג, א) גבי „עונות החמורים כו' בידי שמים" אין שייך שינקוט הדוגמאות דספ"ב — הרי דוחק לומר, שבשביל זה נקט דוגמא זו גם בתחילת הפרק.

13) ובפרט, שלאחרי „עשר או עשרים פעמים" מוסיף „עד"מ", וגם לאח"ז אומר „דומיא דקרבן חטאת שחייב להביא על כל פעם ופעם".

14) צב, סע"ב ואילך.

על עצמו להשלים עכ"פ פעם א' כל ימי חייו מספר הצומות לכל עון ועון מעונות החמורים שחייבין עליהם מיתה עכ"פ ואפילו בידי שמים בלבד, כגון להוצאות ז"ל פ"ד צומות פ"א בימי חייו. ויכול לדחותן . . ויתענה כעשר תעניות עד"מ בחורף א' כו'".

איז מבאר דער טאַטע, אַז דאָס וואָס ער זאָגט דאָ „כעשר תעניות" איז ווייל „כעשר הוא ג"כ י'". איז אויך אין דעם ענין איז דאָ אַ דיוק כללי יותר (אויף וואָס דער טאַטע שטעלט זיך ניט): צוליב וואָס ברענגט דער אַלטער רבי אַ דוגמא (כגון הוצאות ז"ל כו'[15]) בכלל.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: וויבאַלד אַז דער אות יו"ד איז פאַרבונדן ניט נאָר מיטן מספר עשר נאָר אויך מיטן מספר עשרים, כנ"ל — וואָס איז דער טעם (בפנימיות הענינים[16]) וואָס באַ „ויתענה . . בחורף א'" ברייגנט ער נאָר דעם מספר עשר, און ניט דעם מספר עשרים?

ה. שוין גערעדט פיל מאָל בנוגע דעם טאַטנס הערות אויף זהר און תניא כו', אַז מצד כמה טעמים (אויך מצד דעם דוחק אין פאַפיר און טינט) האָט ער זיי געשריבן בקיצור נמרץ. און בשעת מען לערנט זיין בעיון הראוי, זעט מען, ווי דורך זיי ווערן באַוואָרנט כמה שאלות (אין די ערטער וואו ער שטעלט זיך. ולפעמים אויך אין אַנדערע ערטער), נוסף צו די דיוקים אויף וועלכע ער שטעלט זיך בפירוש.

און נאָכמער: אע"פ אַז אין רוב ההערות שטעלט ער זיך (בגלוי) אויף דיוקי הלשונות וכיו"ב — זעט מען אָבער בכו"כ מהן (בעת מען טראַכט זיך אַריין כדבעי), ווי דורך די דאָזיקע הערות ווערט מבואר ומוסבר אויך דער תוכן כללי פון דעם ענין אויף וועלכן ער שטעלט זיך.

ועד"ז בנדו"ד: כאָטש בגלוי שטעלט ער זיך און איז מבאר בלויז דעם דיוק וואָס דער אַלטער רבי שרייבט די דוגמא „עשר או עשרים" (און „כעשר תעניות") — ווערן דורך דער הערה פאַרענטפערט נאָך כו"כ דיוקים, כולל אויך די דיוקים דלעיל (סעיף ג־ד).

און נאָך מער: דורך דער הערה ווערט מבואר אויך דער תוכן כללי פון דעם ענין — דער טעם פאַרוואָס (לפי דיעה אחת) „צריך להתענות מספר הצומות לאותו חטא פעמים רבות כפי המספר אשר חטא", און אויך דער טעם פאַרוואָס „כל בעל נפש . . יחמיר על עצמו להשלים עכ"פ פעם א' כו'", וכדלקמן.

ו. וי"ל הביאור בכל הנ"ל: אין דעם פגם וואָס ווערט דורך אַ חטא — ובמילא אויך אין דעם תיקון אויף דעם (תשובה) — זיינען דאָ, בכלל, דריי ענינים:

א) וויבאַלד אַז מיט יעדן חטא איז מען עובר אויפן ציווי פון מלך מלכי המלכים הקב"ה (וואָס דאָס איז די נקודה הכללית און דער צד השוה פון אַלע עבירות) — איז מען דורך יעדער עבירה (כולל אויך — דורך ביטול מ"ע) פורק פון זיך עול מלכות שמים[17] און מ'ווערט אַ רשע[18].

---

15) מה שנקט דוגמא זו דוקא — יש לומר, שזהו לפי שב„עונות החמורים שחייבין עליהם מיתה עכ"פ ואפי' בידי שמים בלבד", עון זה הוא מצוי יותר. והשאלה שבפנים היא למה הוצרך לדוגמא בכלל.

16) הטעם ע"ז בפשטות — י"ל לפי שעשרים תעניות בחורף א' הוא (ע"ד הרגיל) „יותר (מ)כפי כחו".

17) וכנ"ל (באגה"ת) פ"א, שגם כשעבר על מ"ע „מרד במלכותו ית'". וראה גם תניא ח"א פ"ל (לט, רע"א) ובכ"מ. וראה לקמן הערה 20.

18) תניא ח"א פ"א. וש"נ.

**און דער תיקון אויף דעם איז — „שיעזוב החוטא חטאו כו' ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד"[19] [ובלשון אדמו"ר הזקן: „שיגמור בלבו בלב שלם לבל ישוב עוד לכסלה למרוד במלכותו ית' ולא יעבור עוד מצות המלך ח"ו"[20]]. דורך דער החלטה וקבלה על להבא (וואָס דאָס איז דער** מהות **פון תשובה[21]) ווערט ער (גלייך[22]) אויס רשע. און דאָס קען זיין אפילו ברגעא חדא[23], ווי דער פסק דין אין גמרא ופוסקים, אַז דורך איין הרהור תשובה ווערט אַ רשע גמור — אַ צדיק גמור[24].**

19) **רמב"ם הלכות תשובה פ"ב ה"ב.**

20) **אגה"ת פ"א (צא, א). ומחדש בזה אדמוה"ז, שהגמר בלב צריך להיות לא רק שלא יעשה עוד פעם החטא שעשה (כדמשמע מפשטות לשון הרמב"ם שם: שלא** יעשהו **עוד), כי אם שלא יעבור על** שום **מצוה („הן במ"ע הן במל"ת"). ויתירה מזו: שצריך לגמור בלבו (גם) שלא למרוד במלכותו ית'. ומהמשך הענין באגה"ת שם משמע שזה מעכב ב„מצות התשובה מן התורה".**

**ויש לומר הביאור בזה: ע"י עשיית חטא (גם ע"י חטא אחד) פורק ממנו עול מצות (בכלל), וזה מורה — שפרק מעליו גם עול מלכות שמים (היסוד דעול מצות — ראה מכילתא יתרו כ, ג. וראה גם ברכות יג, א). ולכן גדר התשובה היא — שיקבל עליו (מחדש) עומ"ש (שלא למרוד במלכותו ית'), ואח"כ עול מצות (שלא לעבור על מצות המלך*).**

21) **כלשון הרמב"ם שם:** ומה **היא התשובה הוא שיעזוב כו' ויגמור בלבו כו'. (משא"כ ב„יתנחם על שעבר" כתב „**וכן **יתנחם כו'"). וראה אגה"ת שם: מצות התשובה כו' היא עזיבת החטא** בלבד. **וראה בארוכה לקו"ש חי"ז ע' 197 ואילך.**

22) **גם לפני שתיקן את החטא — ראה חלקת מחוקק אה"ע סל"ח סקמ"ד.**

23) **זח"א קכט, סע"א.**

24) **קדושין מט, ב. אה"ע שם סעיף לא. ובאור זרוע ברכות סי' קיב וכ"ה בלקו"ת (דברים א, ב): צדיק גמור.**

*) ועפ"ז יומתק גם דיוק לשון אדמו"ר הזקן „מצות **המלך**".

**ב) היות ווי די תמימות און שלימות פון די אברי הנפש איז תלוי אין די מצות — איז דורכן ביטול פון אַ מצות עשה אָדער דורך עובר זיין אויף אַ מצות ל"ת ווערט אַ פגם און חסרון אין דעם אבר פרטי וואָס איז שייך צו דער מצוה פרטית אויף וועלכע ער האָט עובר געווען.**

**און בכדי צו מתקן זיין דעם פגם פרטי דאַרף מען טאָן די תקוני תשובה וואָס זיינען שייך צו דער עבירה פרטית, כולל אויך דעם מספר הצומות וואָס זיינען באַשטימט פאַר דער עבירה פרטית[25].**

**ג) היות אַז אַ קלקול אין אַן אבר פרטי מאַכט אויך אַ (מעין) קלקול (זה) אין אַלע איברים, פועל'ט יעדער עבירה אַ פגם אין** אַלע **כחות און איברים פון מענטשן (**במכש"כ **פון דעם וואָס יעדער פעולה האָט אַ ווירקונג אויף דעם כללות העולם שמחוץ לאדם[26]).**

**דערפאַר איז „מדרכי התשובה" ניט נאָר „ומתרחק מן הדבר שחטא כו'", נאָר אויך „משנה מעשיו** כולן **לטובה ולדרך ישרה"[27].**

**ז. תורה איז דאָך „כללות[28] ופרטות נאמרה" — איז אין יעדן איינעם פון די דריי ענינים (שבסעיף ו) זיינען פאַראַן בפרטיות (דוגמת) די אַלע דריי ענינים.**

**ובנוגע לעניננו — דער מספר הצומות וואָס איז באַשטימט פאַר**

25) **לקו"ת נצבים מה, ג. ובכ"מ.**

26) **רמב"ם הלכות תשובה פ"ג ה"ד. לקו"ת במדבר ה, רע"ב. ובד"ה וכל העם ש"ת ספ"ב: דלבד זאת מה שפועל ההזדככות בהדברים שהמצות מלובשים בהם . . פועל הזדככות (גם)** בכללות **החומריות שבעולם.**

27) **רמב"ם הלכות תשובה פ"ב ה"ד.**

28) **ראה תניא בהקדמה (ג, ב). וראה חגיגה ו, ב.**

עבירות פרטיות, וואָס איז פאַרבונדן מיט'ן פרטיות'דיקן פגם (דער צווייטער ענין דלעיל) — זיינען אין דעם פגם גופא פאַראַן דוגמת די דריי ענינים הנ"ל:

והביאור בזה:

היות אַז אַלע איברים זיינען כלולים זה מזה — קומט במילא אויס, אַז אין יעדן אבר זיינען פאַראַן דריי ענינים: א) זיין עצם מהות. ב) ווי ער איז כולל אין זיך אַלע אַנדערע איברים. ג) ווי ער געפינט זיך אין אַלע איברים[29].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער פגם פון דעם אבר פרטי (וואָס ווערט דורך דער עבירה פרטית) איז בנוגע אַלע דריי ענינים הנ"ל.

ח. ויש לומר, אַז דער פגם אין דעם עצם מהות פון דעם אבר, ווערט געמאַכט אינגאַנצן גלייך ביים ערשטן מאָל פון דעם חטא, עס קומט ניט צו אין דעם[30] (אַן ענין עיקרי, עכ"פ) דורך טאָן דעם זעלבן חטא נאָכאַמאָל;

דער פגם אין די פרטים פון דעם אבר (די „איברים" הכלולים בו וכיו"ב) ווערט נשלם ערשט ביים טאָן דעם חטא דעם דריטן מאָל, ווי דער אַלטער רבי ברייינגט[31] פון זהר[32] „זמנא תליתאה אתפשט ההוא כתמא מסטרא דא לסטרא דא", אַז ביים דריטן מאָל נעמט דורך דער פלעק (דעם אבר וואָס איז שייך צו דעם חטא) דורך און דורך;

דער פגם וואָס ווערט אין די אַנדערע אברים, וואָס איז דאָ שוין באַם ערשטן מאָל ער וועט אָבער קיינמאָל ניט ווערן מסטרא דא לסטרא דא (ווייל די עברות פון די אברים איז ער ניט עובר) — מסתבר לומר אַז דורך יעדער מאָל דעשיית החטא קומט צו אין דעם אַ הוספה.

דאָס איז אויך דער ביאור פון די דריי דיעות (וואָס אלו ואלו דברי אלקים חיים[33]) וויפל מאָל מען דאַרף פאַסטן דעם מספר הצומות פאַר אַ חטא, אויב מען האָט אים געטאָן פעמים רבות — פאַסטן פאַר יעדער מאָל באַזונדער (די ערשטע דיעה), ס'איז גענוג דער מספר הצומות איין מאָל (די צווייטע דיעה), אָדער מען דאַרף פאַסטן ג' פעמים (די „הכרעה המקובלת") —

צוליב דעם תיקון הפגם אין דעם עצם מהות פון דעם אבר — איז מספיק דער מספר הצומות פעם אחת; צוליב דעם תיקון הפגם אין די אַנדערע אברים — דאַרף מען פאַסטן על כל פעם ופעם; און צוליב דעם תיקון הפגם אין די אַנדערע אברים ווי זיי זיינען כלול אין דעם אבר — דאַרף מען פאַסטן ג' פעמים.

ויש לומר, אַז דאָס איז אויך דער טעם פון דעם וואָס אעפ"י אַז דער אַלטער רבי נעמט אָן די „הכרעה המקובלת", „להתענות ג"פ כפי מספר הצומות

29) ראה ספהמ"צ להצ"צ מצות אהבת ישראל (כח, ב) ובכ"מ. ובספהמ"צ שם: בו יש זולתו . . וכן הוא כלול בזולתו.

30) י"ל דוגמא — טמא שחוזר ונוגע באותה הטומאה עוה"פ ועוה"פ. וראה נזיר (מב, ב): ולא יחלל כו' יצא זה שהוא מחולל ועומד. הענין דאין איסור חל על איסור, ועוד. וראה אגה"ת פ"ז (צז, ב): בריבוי החטאים יכול כו'. ואכ"מ.

31) באגה"ת כאן (צב, ב).

32) ס"פ נח (עג, ב). וראה תולוי"צ לסנה' ע' קעג, שאין סתירה לזה ממרז"ל (יומא פו, ב) שלישית מוחלין לו רביעית כו'.

33) עירובין יג, ב. אפילו בנוגע לדעת ב"ש ש„כדאי היית לחוב כו'" (ברכות י, סע"ב). ומכש"כ בנדו"ד שגם לשאר הדיעות יש לחוש לדעת המחמירים (אגה"ת כאן — צג, א).

דחטא זה״, פונדעסטוועגן פסקנ׳ט ער אַז אין דעם ערשטן מאָל „מספר הצומות״ זאָל מען מחמיר זיין מער ווי אין די אַנדערע צוויי מאָל [בנוגע צו די אַנדערע צווי מאָל איז „ב׳ חצאי יום נחשבים לו ליום א׳״, משא״כ בנוגע צום ערשטן מאָל][34] — ווייל[35] דער פגם אין עצם מהות פון אבר (וואָס זיין תיקון איז דורך מספר הצומות פעם אחת) איז חמור יותר פון דעם פגם אין די אברים הכלולים בו (וואָס ווערט נתתקן דורך פאַסטן נאָך צוויי מאָל).

ט. ויש לומר, אַז דאָס איז אויך פון די טעמים וואָס ברענגענדיק די ערשטע דיעה „שצריך להתענות כו׳ כפי המספר אשר חטא״, איז דער אַלטער רבי מוסיף „כגון המוציא זרע לבטלה כו׳״:

בנוגע צו שכבת זרע, זאָגט דער רמב״ם[36]: „כל שתצא ביותר הגוף כלה[37] וכחו כלה וחייו אובדים״. דערפון איז מובן, אַז אין דעם חטא פון הוצאת זרע לבטלה איז מער בגילוי (א) ווי דער חטא פועל׳ט אויך אין אַלע אברי הגוף[38], און (ב) ווי דורך יעדער מאָל ווערט גרעסער דער פגם.

און דעריבער איז דער אַלטער רבי מוסיף „כגון המוציא זרע לבטלה כו׳״ — ווייל דורכן ברענגען די דוגמא ווערט מוסבר באַ אַלע חטאים דער טעם פון דער דיעה אַז מען דאַרף פאַסטן על כל פעם ופעם.

יו״ד. איידער דער רמב״ם זאָגט „וכל שתצא ביותר הגוף כלה כו׳ וחייו אובדים״ — איז ער מקדים[36]: „שכבת זרע היא כח הגוף וחייו כו׳״. דאָס הייסט, אַז דאָס וואָס שכבת זרע פועל׳ט אויפן גוף איז עס אַ תוצאה ומסובב פון דעם וואָס זי איז דער „כח הגוף״.

וי״ל אַז דאָס וואָס „שכבת זרע היא כח הגוף״ איז ניט איר עצם מהות — דאָס וואָס שכבת זרע איז „כח הגוף״ (אַז זי איז כולל אויך דעם כח פון גאַנצן גוף[39]) איז אַן ענין נוסף, איר עצם מהות איז אַ טיפה (נקודה) וואָס איז העכער פון ציור.

און נאָך מער: די נקודה פון דער טיפת הזרע איז פאַרבונדן מיט נקודת הנפש[40].

און מצד דעם וואָס איר מהות איז אַ נקודה (טיפה), וואָס איז פאַרבונדן מיט נקודת הנפש — דעריבער איז זי כולל אויך דעם „כח הגוף״.

יא. דערפון איז פאַרשטאַנדיק בנוגע צום חטא פון הוצאות ז״ל, אַז דער חומר הפגם פון דעם חטא איז בנוגע צו אַלע דריי ענינים הנ״ל (סעיף ז):

מצד דערוף וואָס די טיפת הזרע איז (כולל דעם) „כח הגוף״ און פועל׳ט אויפן גאַנצן גוף — איז דער פגם אין אַנדערע אברים (ווי זיי זיינען כלול אין דעם אבר און ווי זיי זיינען במקומם) וואָס ווערט דורך דעם חטא, חמור יותר ווי אין אַנ־דערע חטאים;

34) באגה״ת פ״ג (צג, א).

35) נוסף על זה שמספר הצומות פעם אחת היא לכל הדיעות.

36) הלכות דעות פ״ד הי״ט.

37) י״ג בלה (בבי״ת).

38) וכמו שהאריך בר״ח שער הקדושה פי״א (קסז, ג). פי״ז (רד, ד). של״ה שער האותיות (צט, א).

39) ראה ר״ח שם פט״ז (ר, ד): הזרע . . יש לו חלק מכל אבר ואבר.

40) ראה המשך שמח תשמח תרנ״ז ע׳ 93 (סה״מ תרנ״ז ע׳ רסט): בהשפעת הטיפה נמשך בזה כל עצמות העלם הנפש. ושם, שלכן יכול להיות יפה כח הבן מכח האב, עיי״ש. וראה לקו״ש ח״ח ע׳ 154 הערה 35.

און מצד איר עצם מהות (טיפה) איז אויך דער פגם אין עצם מהות פון דעם אבר, וואָס ווערט דורך דעם חטא, חמור יותר ווי אין אַנדערע חטאים — היות אַז דער חטא איז פוגם (ניט נאָר אין דעם עצם מהות פון אַ אבר פרטי, נאָר) אין דעם עצם מהות פון אַזאַ ענין וואָס איז פאַרבונדן מיט נקודת הנפש.

יב. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין וואָס די דוגמא פון הוצאות ז"ל ברענגט דער אַלטער רבי אין דעם פרק דריי מאָל: ביי די דיעה „שצריך להתענות . . כפי המספר אשר חטא" איז ער מוסיף „כגון המוציא זרע לבטלה כו'"; ביי די „הכרעה המקובלת" „להתענות ג"פ" איז ער מוסיף „דהיינו רנ"ב צומות על הוצאת שז"ל"; און ביי „כל בעל נפש כו' יחמיר על עצמו להשלים עכ"פ פעם א' כו'" איז ער מוסיף „כגון להוצאות ז"ל פ"ד צומות פ"א כו'".

דער טעם אויף דעם וואָס „צריך להתענות . . כפי המספר אשר חטא" איז מצד דערויף וואָס דורכן חטא ווערט אַ פגם אויך אין די אַנדערע אברים ווי זיי זיינען במקומם, דער טעם אויף „להתענות ג"פ" איז מצד דעם פגם אין די אברים ווי זיי זיינען כלול אין דעם אבר (וואָס איז שייך צו דעם חטא), און דער טעם אויף „להשלים עכ"פ פעם א'" גאַנצע צומות (ניט קיין „ב' חצאי יום") איז מצד דעם חומר פון דעם פגם וואָס איז אין עצם מהות האבר (כנ"ל בארוכה ס"ח) —

און די דריי ענינים ווערן מוסבר דורכן ברענגען (אין די דריי ערטער הנ"ל) די דוגמא פון הוצאות ז"ל, וואָרום אין דעם חטא זיינען מודגש יותר אַלע דריי ענינים.

יג. ע"פ כהנ"ל וועט מען אויך פאַר־שטיין, וואָס אין דער דוגמא וואָס דער אַלטער רבי ברענגט באַ דער דיעה „שצריך להתענות כו' כפי המספר אשר חטא", זאָגט ער ניט סתם „צריך להתענות פ"ד על כל פעם" (אָדער אַ לשון כיו"ב), נאָר ער איז מפרט „עשר או עשרים כו' וכן לעולם":

דורך פאַסטן „פעמים רבות כפי המספר אשר חטא" איז מען מתקן אַלע דריי ענינים פון דעם פגם: דורכן פאַסטן „מספר הצומות" דעם ערשטן מאָל — איז מען מתקן דעם פגם אין דעם עצם מהות פון דעם אבר; דורך פאַסטן נאָך צוויי מאָל — איז מען מתקן אויך דעם פגם אין די אברים הכלולים בו; און דורך די אַנדערע תעניתים (נאָך די ערשטע דריי מאָל) — איז מען מתקן אויך דעם פגם אין די אברים ווי זיי זיינען במקומם.

און דעריבער איז דער אַלטער רבי מפרט דריי אופנים: „עשר", „עשרים" און „לעולם" — ווייל די דריי אופנים ברענ־גען אַרויס די דריי ענינים הנ"ל, כדלקמן.

יד. ס'איז מבואר אין חסידות[41] בענין מילוי האותיות, אַז דער מילוי פון יעדער אות איז נאָר „כדי לפרש לזולתו". און ווי עס ברענגט זיך טאַקע אויף דעם די דוגמא פון אות יו"ד, אַז במחשבה (און אויך בכתב) קען מען טראַכטן (שרייבן) אויף דעם אות יו"ד אַליין; אָבער בשעת מען וויל זאָגן דעם אות בדבור (צו אַ צווייטן), דאַן דאַרף מען צוגעבן אויך זיין מילוי, די אותיות ו' ד'.

אָבער אעפ"כ, איז אויך דער מילוי (ו' ד') כלול פריער אין דעם אות י' גופא.

41) ראה בכ"ז סדור קטו, ב. קנט, ב. קצב, ב.

אָבער אויך זייענדיק כלול אין דעם אות, וויבאַלד ער איז נאָר „כדי לפרש לזולתו״, איז ער ניט „נחשב מבחי׳ עצמות אלא רק דבר נוסף על העצמות״.

ועפ״ז איז פאַרשטאַנדיק ווי די דריי אופנים – „עשר״, „עשרים״ און „לעולם״ – זיינען פאַרבונדן מיט די דריי ענינים הנ״ל: „עשר״, דער מספר פון אות י׳ גופא [וואָס ער איז „כדמות טיפה״[42]] – איז פאַרבונדן מיטן פגם (ותיקונו) אין דעם מוח גופא; „עשרים״, דער מספר פון אות יו״ד במילואו – מיטן פגם (און תיקון) אין די אברי הגוף ווי זיי זיינען כלול אין מוח; און „לעולם״, די פעמים וואָס זיינען מער פון עשרים – מיטן פגם (ותיקונו) אין דעם גוף (עולם קטן[43]).

ועפ״ז איז אויך פאַרשטאַנדיק וואָס אין „ויתענה . . בחורף א״ ברייגנט ער נאָר דעם מספר עשר, און ניט עשרים: „ויתענה . . בחורף א״ איז אַן אופן אין פאַסטן „פ״ד צומות פעם אחת״, און דעריבער איז אין דעם שייך נאָר דער מספר עשר.

(משיחות ש״פ עקב תש״ל)

42) הערת אאמו״ר בלקוטי לוי יצחק לתניא שם.

43) תנחומא פקודי ג (בתחלתו). תקו״ז תס״ט (צ, א). ועוד.